# אין מידן גאַנג

אין מידן גאַנג דורך וועלט פון בייזער שנאה
קלאַנגט די איינזאַמקייט מיט טרויער און פאַרדראָס.
אין פריער שעה, ווען ס'ליכטיקט דער באַגינען
פינצטערט נאָך אין מיר — צו וואָס?

דאָס ליכט איז פרעמד. ווען נישט באַצווינגען
ווי ס'באַצווינגט דעם בוים, דאָס שטילע גראָז.
אין יעדער גאַס — אויף מיר די טייטלדיקע פינגער
און אויגן מעסטן מיט אַ פולער שנאה-מאָס.

אָפּגעזונדערט, ווי אַ זקן איינגעבויגן
כ'באַהאַלט מיין מידן ווי פאַר פרעמדע אויגן.
די פרעמדקייט פרידט אין זומערדיקן טאָג.
אויף יעדן הויז, טיר און טויער
צייכנט אָן מיין הויקער-שטימונג מיט באַדויער
צייכנס פון אַ שטומער, אומהיימלעכער קלאָג.